Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

№ 173 | Łódź, Wtorek, 26 lipca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, כ"ב תמוז תרצ"ב | № 173

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# מלוכה=טריבונאַל אין לייפּציג
## האט אפגעוואָרפען די אנקלאגע פון דער פרייסישער רעגירונג

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

דער מלוכה-טריבונאַל אין לייפּציג האָט היינט 1 אַ זייגער בייטאָג פעראָפנטליכט דעם אורטייל אין דער פראגע פון דער אַנקלאַגע פון דער פרייסישער רעגירונג געגען דער רייכס-רעגירונג.

לויט דעם דאָזיגען אורטייל האָט דער מלוכה-טריבונאַל בעשלאָסען אָפּצוואַרפען דעם פאָרשלאַג פון דער געוו. פרייסישער רעגירונג וועגען ארויסגעבען אַ צייטווייליגע דעציזיע, וואָס אַנולירט די גילטיקייט פון דעקרעט פון דער רייכס-רעגירונג וועגען אריינזעצען אַ קאָמיסאַר אין פרייסען.

די דעציזיע פון טריבונאַל האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק, אין די מאָטיווען ווערט געזאָגט, אַז דער טריבונאַל האָט נישט געקענט אַנולירען די פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט, ווייל די פרייסישע מיניסטאָרען האָבען שוין רעזיגנירט און בכלל האָט דער טריבונאַל נישט קיין גענוגענדע מאָטיווען צו אַנולירען די פעראָרדנונג.

### אנגעשאפט דעם אויסנאהמס-צושטאנד

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

מיטוואָך וועט אָפּגעשאַפען ווערען דער אויסנאהמס-צושטאַנד אין בערלין און בראַנדענבורג. דער רייכס-קאַבינעט האָט שוין אַזאַ פאָרשלאַג געשטעלט הינדענבורג'ן.

די קאָמיסאַרישע פרייסישע רעגירונג האָט צוגעשטעלט אַ פאָרשלאַג, וועלכער שאַפט אָפּ דעם פּנקס פאַר מלוכה-בעאַמטע צו געהערען צו דער היטלערישער פּאַרטיי.

## דער לעצטער זונטאג אין בערלין
### איז אריבער פערהעלטנישמעסיג רוהיג

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

נישט קוקענדיג אויף דער לעבהאַפטער אַגיטאַציע, וואָס איז ענטוויקעלט געוואָרען דורך אַלע פּאָליטישע ריכטונגען פאַר די וואהלען, איז דער לעצטער זונטאָג אין בערלין אַדורך אין אַלגעמיין רוהיג. צו קיין גרעסערע צוזאַמענשטויסען איז נישט געקומען. אין איינינע ערטער האָט פּאָליציי אינטערווענירט און אַדורך געפיהרט אַרעסטען, קיין גרויסע געשעהענישען זענען נישט פאָרגעקומען.

## וויטערדיגע קאמפען אין דייטשלאנד
### יודען בעקומען אולטימאטומס צו פערמאכען די געוועלבער

בערלין, 25 (ספּ. טעל.)

אין דואיסבורג האָט די פּאָליציי געזוכט געוועהר. ס'זענען אַרעסטירט געוואָרען 300 פּערזאָן. אין טרעוויר איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען פּאָליציי און קאָמוניסטען. איין קאָמוניסט איז דער'הרג'עט געוואָרען. אין מאַנדעלסלאָה איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישען די היטלעריסטען און רייכסבאַנער. 18 פּערזאָן זענען פערוואונדעט געוואָרען.

קעניגסבערג, 25 (ספּ. טעל.)

אין סענסבורג האָבען די היטלעריסטען דעמאָלירט אַ יודיש געוועלב. די מעהרהייט פון די יודישע סוחרים האָבען בעקומען אַנאָנימע אולטימאַטומס זיי זאָלען פערמאַכען די געוועלבער אויף 14 טעג, אין געגענפאַל וועט זיך גיסען בלוט.

## אמעריקאנער אמבאסאדאר אין לאנדאן
### רעזיגנירט פון זיין אמט

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.)

„דיילי העראַלד" מעלדעט, אַז דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן מעלאָן איז אַרויסגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ מיט דער דעה צו רעזיגנירען פון זיין אַמט.

מעלאָן האַלט, אַז ער איז שוין צו אַלט, אַז ער זאָל פיהרען די קומענדיגע אונטערהאַנדלונגען צווישען אַמעריקאַ און אייראָפּאַ אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ער וויל דעריבער בעטען דעם פּרעזידענט הובער, אַז ער זאָל איהם בעפרייען פון זיין אַמט. מעלאָן איז אַלט 79 יאָהר.

רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראָנט, 2-טער שטאָק
פערשידענע קאמגארנס,
ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאָדערנסטע דאמען-
שטאָפען אויף פּאַלטנס און קאָסטיומען
מיט 30% בילליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געפינט זיך נאָר
אין פראנט, II שטאק

Dr. med. ARTUR KÜHNEL
choroby kobiece i akuszerja
powrócił
Radwańska 25, tel. 178-02, od 5–7 w.

האנדווערקער=פעראיין
פּיעטריקאווער 64
סעקציע דאַמען-מאַגאַזין.
אכטונג, מיטגלידער!
היינט, דינסטאג, ד. 26. יולי, פּינקטליך 7 אָוונט קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אַנ'=
אויסערגעוו. וויכטיגע מיטגלידער=
פערזאמלונג.
צו וועלכער אַלע מוזען קומען.
די פאַך=קאָמיסיע.
4500

כעמיש=
באקטעריאלאגישע
לאבאראטאריע
פון מאַגיסטער
נ. שאץ
פּיעטריקאווער 37
פראָנט, 2 שטאָק.
אַנאַליזען פון קאַל, אורין
רייכען און אַנד.
מעסיגע פּרייזען.

אכטונג, דאמען=מאגאזין=שניידער=מייסטער אין לאדז!!
היינט, דינסטאג, פונקט 5 נאָכמיטאָג קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל, פּאָמאָרסקאַ 53, אַ דרינגענדע
פאך=פערזאמלונג
אויפ'ן טאָג-אָרדנונג זעהר וויכטיגע פאַך-פראַגען, צו וועלכע מיר פאָדערן אויף אַלע מייסטער, מיטגלידער און נישט-מיטגלידער צו זיין פּינקטליך. צוליב דער וויכטיגקייט פון טאָג-אָרדנונג, טאָר קיינער נישט פעהלען.
די פערוואלטונג
פון דאמען=מאגאזין=שניידער=מייסטער
אין לאָדז, פּאָמאָרסקאַ 53.
4501

פארק „העלענאוו"
טראַמווייען 8, 4.

היינט, דינסטאג, דעם 26 יולי 8.30 אָוונט
פאַר'ן אָפּפאָהר נאָך אויסלאַנד וועט אויפטרעטען מיט אַ
אפשידס=קאנצערט
דער וועלט-בעריהמטער אויבער-קאַנטאָר פון דער וואַרשאַווער סינאַגאָגע
ה' משה קוסעוויצקי
דאָס פּראָגראַם בעשטעהט פון רעליגיעזע תפלות, יודישע פאָלקס-לידער און אָפּערן-אַריעס פון זיין נייעסטען רעפּערטואַר און קומט פאָר מיט דער בעטייליגונג פון
פילהארמאנישען ארקעסטער. ● ביים קלאַוויר: פּר. ליכטערמאַן=דאַווידאָוויטש. ● אַלע פּלעצער צום פּרייז פון 1,10 זל.
בילעטען-פאַרקויף: זעלמאַנאָוויטש, פּעטריק. 12; ווינבערג, נאַוואָמיעסקאַ 30 (קאָנדיטאָריע); קאַטעק, פּעטריק. 294 (קאָנדיטאָריע); ווישינסקי, גלובנאַ 62 (קאָנדיטאָריע); סקורא, 6-שערפּיען 1 (מעטשערניע) און אין קאַסע פון העלענאָוו

טעאטער „סקאלא"
15 שרודמיעסקא 15
מארג., מיטוואָך
געזעגענט זיך
היינט, דינסטאג, דעם 26-טען יולי ד. י. צום 4-טן מאָל
מאדאם X
אין דער הויפּט-ראָלע בערטא גערסטען.
בערטא גערסטען
„מירעל אפרת"
1) לעצטע סצענע פון „קאמעליען=דאמע"
2) לעצטער קאַפּיטעל פון פּרץ'עס „גאלדענע קייט"
אין נאָך אַ סך אַטראַקציעס, וואָס וועלען נאָך געמאָלדען ווערען. —
צום שלוס וועט —

אכטונג! אכטונג!
געזעגנונג-פארשטעלונג
מיט'ן לאדזער עולם פאַר איהר אָפּפאָהרען קיין אַמעריקע.
ס'ווערט געגעבען די יודישע קלאַסישע דראַמע
סורפּריז! נאָך דער פאָרשטעלונג
א גרויסע קאנצערט=אפטיילונג
עס ווערט געגעבען:
בערטא גערסטען זיך געזעגנען מיט'ן עולם!
פרייזען פון 50 גר. ביז 2 זל.

